יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

הײנט 10 זײטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 26 | Łódź, Wtorek, 30 stycznia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, יד שבט תרצ"ד | № 26 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# דעלאדיע שאפט די נייע פראנצויזישע רעגירונג אין פראנקרייך

פ א ר י ז, 29 (ספ. טעל.)

דעלאדיע האט אנגענומען פון פרעזידענט לעברען די מיסיע צו שאפען א נייע רעגירונג און ערקלערט, אז מארגען אין אווענד וועט ער קענען געבען דעם פרעזידענט אן'ענדגילטיגע תשובה.

פ א ר י ז, 29 (ספ. טעל.)

דעלאדיע האט אין אווענד אפגעגעבען אן ערקלערונג, אז ער האט אנגענומען די מיסיע צו שאפען דעם נייעם קאבינעט.

ער איז איבערצייגט, אז דינסטאג נאכמיטאג וועט ער קענען איבערגעבען דעם פרעזידענט דעם פולען צוזאמענשטעל פון קאבינעט.

## ווענען שלום אויפן באלקאן

ב ו ק א ר ע ש ט, 29 (ספ. טעל.)

אין צוזאמענהאנג מיט'ן בעזוך פון בולגארישען קעניגליכען פאר אין בוקארעשט, איז ארויסגעגעבען געווארען א קאמוניקאט, אין וועלכען עס ווערט איבערגעגעבען, אז בעתן געשפרעך צווישען די בולגארישע און רומענישע מיניסטארען איז גערעדט געווארען וועגען דער פאליטישער סיטואציע אויפ'ן באלקאן, און עס זענען דאביי אנגעוויזען געווארען אויף די מיטלען, וואס קענען דערפיהרען צו בעפעסטיגען דעם שלום אויפ'ן באלקאן, ווייטער זענען אנגעקניפט געווארען פריינדליכע בעציהונגען צווישען ביידע פעלקער.

## עס איז נאך נישט קלאר אויב די ארעסטירטע אראבער האבען ערמארדעט ד"ר ארלאזאראוו'ן

י ר ו ש ל י ם, 29. (יט"א טעלעגראפיש).

דער אויספארשונגס - ריכטער ראלף באדיבי האט ערקלערט אז ער וועט אויסהערען די נאך-אבער אבדול מאיד על העבדי'ס נאך דעם ווי ער וועט פארענדיגען דעם פארהער פון די פערדאכט-צייגען.

די פערטיידיגונג האט געפאדערט בעריכטפלויסען דעם ריכטער, ער זאל נאך א-ויסמאכען שריפטליכע ערקלערונגען פון דעם אראבער. דער ריכטער האט אבער בעשלאסען צוצולאזען דעם אראבער צום פארהער.

קאפיטאן רייס האט ערקלערט אז די פאליציי איז איבערצייגט אז דעם אראבער אבדול מאיד על העבדיס ווערסיע איז א פאלשע. און אז די פאליציי וועט צושטעלען גענויע מאטעריאלען.

## מארשאל פילסודסקי האט אויפגענומען די אמבאסאדארען פון ראטען - פערבאנד און רומעניען

### אפקלאנגען פון פויליש-דייטשען אפמאך

וו א ר ש א, 29. (טעלעפאניש).

מיניסטער בעק האט אין אווענד אויפגענומען דעם סאוויעטישען אמבאסאדאר אנטאנאוויטש. נאך א קורצען געשפרעך צווישען ביידע מלוכה-מענער איז מיניסטער בעק אוועק אין בעלוועדער און אפגעהאלטען א קורצע בעראטונג מיט'ן מארשאל פילסודסקי, אין רעזולטאט האט מארשאל פילסודסקי אויפגענומען דעם סאוויעטישען אמבאסאדאר און דעם רומענישען אמבאסאדאר כאדעצ'א.

בעתן געשפרעך איבער'ן טעקסט פון נייעם געשלאסענעם אפמאך צווישען פוילען און דייטשלאנד, האט מארשאל פילסודסקי ערקלערט, אז מיט'ן דאזיגען אפמאך ווערען נישט גענענ'ט די בעציהונגען פון פוילען צום ראטען-פערבאנד און רומעניען.

בזה אנו משתתפים בצער הספוק
של חברינו ישראל רוזשא במות לו

# א ב י ו

ציבורתך לטובת המדינה העברית ימצא
תנחומים, איגוד הציונים המדינתיים
סניף שלישי „נורדיה"
בלודז. 332

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד פנחס קויפמאן צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין איבערגעבליבענע פרוי

# חיה נ"ע

זייט געטרייסט, מיט די טראדיציאנעלע ווערטער, המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

דער קעלבער-שעכטער-פעראיין
און די פליישער-הורטאווניקעס
פאדרעטשנא 16 330

מארגען, מיטוואך, דעם 31./1. חמשה עשר בשבט, צום יאהרצייט פון מיין ליבען מאן און טייערען פאטער

# ר' גרשון יאסעלעוויץ

ב"ר יוסף הלוי ז"ל

לאדזער שטאט-חזן

וועט אפגעריכט ווערען א הזכרה אויפן בית החיים 12 א זייגער מיטאג-צייט. אלע בעקאנטע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

פרויל און זוהן.

די ה"ה

יהודה לייב און משה ווערדיגער

צוליב'ן טויט פון זייער

# פאטער נ"ע

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

אלעקסאנדער ראזין

פון הרב ר' ליזער איטשע מייזל'ס וואוינונג

אלעע 1 מאי 21

איז צוועקגעקומען 4 מלבושים:

אן'אונטערפאלטעץ, א קימנארטנע קאפאטע און צוויי זיידענע קאפאטעס (אלטע).

דעם צוריקברענגער וועט מען אומקעהרען אלע אויסגאבען, אויסער בעלוינונג. 328

# דרינגענדע ווענדונג!

צו די יעניגע, וועלכע האבען בייגעוואוינט דעם אומגליקספאל איז מענאזשעריע.

די אלע פערזאנען, וועלכע האבען בייגעוואוינט דעם אומגליקספאל מיט'ן קינד אין מענאזשעריע דעם 1-טן יאנואר ד. י. ווערען זעהר געבעטען אויפצוגעבען זייערע אדרעסען צו די עלטערן

אדער אין אדמיניסטראציע פון דער צייטונג.

גארדאן, וואלטשאנסקא 41 329

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 60 יאהר אונזער ליבע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאנטע נ"ע

# לאה פעלדמאן

געב. באנדעראוו

(גדאנסקא 52 (נאמאוינט זאכאדניא

די לוי' קומט פאר היינט, דינסטאג, ד. 30. יאנואר 1934, 1 א זייגער בייטאג פון מהרה-הויז, וועגען וואס עס פיילען מיט אין גרויס צער 333

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

עפענטליכער דאנק

דערמיט דריקען מיר אויס א הערציגען דאנק דעם ה' ראטמ. ה' פיאטר כארי ווי אויך דעם יודישען צייטונגס-פערשפרייטער-פעראיין, פאר זייער אינטערווענץ און בעמיהונג, א דאנק וואס מיר האבען בעקומען די קאנצעסיעס.

ישראל באנומולני
אליעזר ראטין

אכטונג, וועש-נייער, קראגען-נייער און לעבער-נייער!

היינט דינסטאג, פינקטליך 7 אוו.

קומט פאר אין אונזער לאקאל ציגעלגאס 4

# א גרויסע פערזאמלונג

פון אלע וועש- קראגען- און לעבער-נייער מיט אן'אויסערגעוועהנליכער טאגעס-ארדנונג. אין אייגענעם אינטערעס מוזען אלע קומען!

די פאך-קאמיסיע וועש-נייער

ביים האנדעלסארבייטער-פעראיין ציגעלגאס 4 328

את ידידי מכבר

ר' יהודה לייב נ"י ווערדיגער

ומשפחתו

גם אני משתתף בצערו הגדול במות עליו אביו היקר

# ר' יעקב אליעזר נ"ע

ומברכו שהמקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים,

ידידו עוז
ליב יפה.

כעמיש-באקטעריאלאנישער לאבאראטאריום

# מ. שאץ

לאדז, פעטריקאווער 37.

פיהרט אדורך זעמטליכע ערצטליכע אנאליזען פון אורין, בלוט, פלעגמע, א.א.

אונזער חשוב'ן און לאנגיעהריגען עהרען-פערוואלטונגס-מיטגליד

ר' יהודה לייב ווערדיגער

צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען

# פאטער נ. ע.

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל מיט די טראדיציאנעלע ווערטער: המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג
פון „לינת החולים" אין לאדז.

